# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:56
מוצאי שב"ק......................7:24

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............שיר השירים ב'-ג'
בבלי.....................עירובין ס"ט
ירושלמי....................מגילה ט'
תוספתא.................סוטה ט"ו
רמב"ם......................ברכות י'

פרשת בראשית, כ"ט תשרי, שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 4 (469)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין אָנְהוֹיבּ מִיטְ'ן נָאמֶען "אֱלֹקִים", אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי אַלֶע מַאֲמָרוֹת וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶערוּפְן מִיט דֶעם נָאמֶען, בִּיז שְׁפֶּעטֶער אִין פָּסוּק שְׁטֵייט שׁוֹין "אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם בְּיוֹם עֲשׂוֹת "ה' אֱלֹקִים" אֶרֶץ וְשָׁמָיִם" (בְּרֵאשִׁית ב, ד), דָארְט וֶוערְט יָא דֶערְמַאנְט בֵּיידֶע נֶעמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵּין רַשִׁ"י פָּסוּק א') אַז אִין אָנְהוֹיבּ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט נָאר מִיט מִדַּת הַדִּין, וָואס דָאס אִיז דֶער נָאמֶען "אֱלֹקִים", עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען הַאלְטְן אַזוֹי, הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט מִדַּת הָרַחֲמִים, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם הֲוַיָ"ה.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס נוּצְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס אוּנְז לֶערְנֶען אַ וֶועג אִין לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט?

נָאר דֶער שֵׁם "אֱלֹקִים" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "הַטֶּבַע", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט עֶס זָאל אוֹיסְזֶעען וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, עֶס הָאט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זַאכְן אַרְבֶּעטְן אוּן טוּעֶן זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען נֶעמֶען אוּן אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, יֶעדֶער גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וֶוען מְ'מֵיינְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר טֶבַע, מִקְרֶה, אוּן מַזָּל, אַזוֹי פִירְן זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, דַאן אִיז מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת, מְ'קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעלֵייגְט דֶעם שֵׁם הֲוַיָ"ה, וָואס דָאס וַוייזְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קֶען אוֹיסְזֶעען וִוי זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, אִיז אָבֶּער דֶער אֱמֶת אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְט אוּן שְׁוֶוער, אִיז עֶס אָבֶּער בֶּאֱמֶת נָאר חֲסָדִים אוּן טוֹבוֹת פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ חַזֶר'ן אַסַאךְ אֱמוּנָה, אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַלֶעס אִיז פַארְ'ן טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן בְּשָׁלוֹם.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ג) אַז וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה הָאט אַ גוּט לֶעבְּן, וַוייל וֶוען סְ'גֵייט אִים גוּט אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִים, שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלוֹיבְּט אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה. ווידֶער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען סְ'גֵייט אִים יָא גוּט, אִיז עֶר דִי גַאנְצֶע צַייט בַּאזָארְגְט אֶפְשָׁר וֶועלְן דִי גוּטֶע צַייטְן אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶר וֶועט בְּלַייבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט הָאט עֶר בִּכְלָל נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִי אַנֶערְקֶענוּנְג אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, סֵיי דָאס גוּטְס אוּן סֵיי דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז אַלֶעס נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אִיז דָאס מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, וַוייל לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועט יֶעדֶער זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי שְׁלֶעכְטְס, מְ'וֶועט מַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב" אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער פַארְשְׁטֵיין אַז דִי גַאנְצֶע טֶבַע אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אוּן אַלֶעס וָואס זֶעט שְׁלֶעכְט אִיז בֶּאֱמֶת גוּט, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, לֶעבְּט עֶר שׁוֹין דָא אַזוֹי וִוי אִין עוֹלָם הַבָּא, עֶר הָאט אַ גוּטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אִין סֵיי וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בְּרֵאשִׁית תשע"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

דֶעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען "שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית", דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וַוייל מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאר אוֹיךְ וַוייל דֶער שַׁבָּת אִיז "רֵאשִׁית" - דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, מִיט דֶעם הֵייבְּט מֶען אָן דִי יָאר, עֶס אִיז דֶער קָאפּ פוּנֶעם יָאר, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶער גוּף גֵייט נָאכְ'ן קָאפּ.

דֶערְפַאר אִיז גוּט דֶעם שַׁבָּת אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי יָאר וָואס קוּמְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה. אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן "דִּבְרֵי חַיִּים" זי"ע אַז אִין שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט גוּטֶע רְצוֹנוֹת, וָואס מֶען וִויל דָאס יָאר טוּן, וֶועט נָאכְדֶעם קוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר, פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט, שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

### דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אַ אִיד פָארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אַז דַאוֶונֶען אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר צוּ דַאוֶונֶען אִינְדֶערְהֵיים בִּיחִידוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶע גַאס אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן גָאר פְרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶונֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אָבֶּער לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וָואס הָאסְטוּ צוּ גֵיין דַאוֶונֶען? דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא וִוי אַזוֹי דוּ זֶעסְט אוֹיס, דוּ בִּיזְט דָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן דָא קוּמְסְטוּ דַאוֶונֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַזַא דַאוֶונֶען", אָבֶּער

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין גֶעשֶׁעפְט, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שׁוּתָּף. וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שׁוּתָּף? אַז מֶען פִירְט דִי בִּיזְנֶעס אוֹיף דִי תּוֹרָה וֶועג. מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין קְדוּשָׁה אִין אָפִיס, מֶען רֶעדְט אֵיידְל, מֶען הִיט זִיךְ פוּן הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה, מֶען פִּילְטֶערְט דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס, מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ הִיטְן שַׁבָּת, יוֹם טוֹב אוּן חוֹל הַמּוֹעֵד, מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קֵיינֶעם, נִישְׁט בַּאגַנְבְ'נֶען אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ פָּחוֹת מִשָּׁוֶה פְּרוּטָה; דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ שׁוּתָּף אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶס אִיז דָא גְרוֹיס הַצְלָחָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשפ"א)

## װִי אַזוֹי בְּרֶענְג אִיךְ אַרַיין דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן אִין מַיין װַייבּ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ הֶער בָּרוּךְ ה׳ דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳, מַיין גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גֶעטוּישְׁט צוּם גוּטְן בָּרוּךְ ה׳, אִיךְ טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט מַיין װַייבּ, אוּן אַזוֹי װַייטֶער.

מַיין װַייבּ לַיידְט אוֹיף עֶנְקְזַייעֶטִי אוּן פַּאנִיק אַטַאקֶעס, סְ׳אִיז דָא צַייטְן װָאס אִיז אַבִּיסְל בֶּעסֶער, אָבֶער װֶוען נִישְׁט אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁװֶוער.

אִיךְ װִיל אִיר זָאגְן אִיבֶּער דִי שִׁיעוּרִים, װָאס װֶועלְן אִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, אָבֶער דָאס אִיז אַ זַאךְ װָאס אִיז זֵייעֶר װַייט פוּן אִיר. זִי לֵיינְט אַסַאךְ פוּן טֶערֶעפִּיסְטְן, אוּן װֶוען אִיךְ רֶעד פוּן דִי עֵצָה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט דָאס אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ װֵייס נִישְׁט װָאס צוּ טוּן, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א װֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין, װַייל סְ׳אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁװֶוער דָאס לֶעבְּן, אִיךְ פִּיל אַז אִיךְ מִיט מַיין װַייבּ זֶענֶען זֵייעֶר װַייטֶער אֵיינֶער פוּן צְװֵייטְן.

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ה
תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים פַאר דִיר, צְװִינְג נִישְׁט אַרוֹיף אוֹיף דַיין װַייבּ זַאכְן װָאס זִי װִיל נִישְׁט הֶערְן. מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיף צְװִינְגֶען אוֹיף אַנְדֶערֶע; אַז דוּ װֶועסְט נֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, דוּ װֶועסְט לֶעבְּן מִיט דֶעם אוּן דוּ װֶועסְט זִיךְ טוּישְׁן - װֶועט דַיין װַייבּ פוּן זִיךְ אַלֵיין װֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נד, א) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי טז, ז): ״בִּרְצוֹת ה׳ דַּרְכֵי אִישׁ, גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ״, װֶוער זֶענֶען זַיינֶע פַיינְט? אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן ״זוֹ אִשְׁתּוֹ״, דָאס אִיז דִי װַייבּ; װֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ אוֹיף װִי עֶס דַארְף צוּ זַיין דֶעמָאלְט װֶועט זַיין װַייבּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אִים, זַיין װַייבּ װֶועט עֵדוּת זָאגְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז דַיין װַייבּ װִיל גֵיין צוּ טֶערָאפִּיסְטְן אוּן דָאס גְלַייכְן - לָאז אִיר גֵיין אִיר װֶועג, שְׁטֶער אִיר נִישְׁט; אַדְרַבָּה, הֶעלְף אִיר עֶס זָאל אִיר גְרִינְגֶער װֶוערְן, אוּן װֶוען דוּ הֶעלְפְסְט אִיר עֶס זָאל אִיר בֶּעסֶער װֶוערְן זָאלְסְטוּ עֶס טוּן מִיטְ׳ן גַאנְצְן הַארְץ, װֶועסְטוּ זֶען װִי זִי װֶועט װֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט דִיר, זִי װֶועט מִיט דִי צַייט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, שְׁלֶעפּ נִישְׁט מִיט כֹּחַ אוּן שְׁטוּפּ נִישְׁט מִיט גֶעװַאלְד, װֶועסְטוּ זֶען װִי מִיט דִי צַייט װֶועט זִי נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס װֶועג נָאךְ שְׁטֶערְקֶער װִי דוּ נֶעמְסְט עֶס.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשפ״א)

>>>>>>

דָאס אִיז נָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע װָאס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, װַייל דֶער אֱמֶת אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, װֶועל אִיךְ כָאטְשׁ טוּן װָאס אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ װֶועל כָאטְשׁ דַאװֶנֶען אִין שׁוּל אוּן דָאס װֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, װִי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.) אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען װִי אַ מִקְוֶה װָאס רֵייניִגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ בִּין אִיךְ פִּיל מִיט עֲבֵירוֹת, װֶועל אִיךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאװֶנֶען אוּן דָאס װֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין שְׁלֶעכְטְס.

### מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע װָאךְ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָא אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן חַזַ״ל, װִי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז װֶוער עֶס װֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, װֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז װֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי װִי עֶס װֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִי׳ רפ״ה סְעִיף ג׳) אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ״א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי װַייטֶער בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעהט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע װִינְטֶער פְרַייטָאגְס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ װָאךְ נָאךְ אַ װָאךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, װַייל מֶען װִיל עֶס נָאר טוּן פְרַייטָאג.

דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פְּשׁוּט׳עֶ הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן אַזוֹי װֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת װָאס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

### זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

יֶעצְט אִין ״שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית״ אִיז דִי צַייט אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אַ יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְװֵיי, יֶעדֶער אֵיינֶער װִיפִיל עֶר קֶען, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז מַסֶּכֶת עוּקְצִין, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ װֶוערְן גוּט, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּמִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנּוֹם, אוּן װֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דָארְט, נָאר עֶר פִירְט אִים צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל׳) הֶעֱלִיתָ מִן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת.

### גְמָרָא

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פָארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, װֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא װֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִיר גְרוֹיס מַלְאָכִים װָאס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, װִי עֶס װֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶׁל הַמַּהֲרַ״ל מִפְּרַאג זַ״ל) אַז גְמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ׳בְרִיאֵל מִ׳יכָאֵל רְ׳פָאֵל אוּ׳רִיאֵל.

וּבִפְרַט װֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס גֶעבְּט אִים אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, װִי דֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה׳קֶע זְוֶועהִילֶער זִי״ע פְלֶעגְט זָאגְן אַז װֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן דָאס װֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנֶען גְמָרָא.

### מֶדְרָשׁ

אוֹיךְ אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דִי מִדְרָשִׁים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, אוּן עֶס אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זִי״ע הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ װֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, װַייל דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעװֶוען דֶעם זֹהַר, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעװֶוען דֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ, אָבֶער אוֹיף מֶדְרָשׁ װֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פְּשַׁט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקְל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט עֶנְדִיגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶדְרָשׁ.

װֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי פִיר שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה פַאר זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר װֶועט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת װָאס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב, וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים - מִטַּל הַשָּׁמַיִם - וּמִשְּׁמַנֵּי הָאָרֶץ - וְרֹב דָּגָן - וְתִירֹשׁ, װָאס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס״ו, ג) מִטַּל הַשָּׁמַיִם - דָאס אִיז מִקְרָא. וּמִשְּׁמַנֵּי הָאָרֶץ - דָאס אִיז מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן - דָאס אִיז גְמָרָא, וְתִירֹשׁ - דָאס אִיז מֶדְרָשׁ.

װֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי לִימוּדִים אִין דֶעם שַׁבָּת װֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער װֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוֹיף אֵייבִּיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב״ק בַּבּוֹקֶר פ׳ בְּרֵאשִׁית תשס״ט לפ״ק)

>>>>>>
צוגעשטעלט געווארן אין די סוכה פון מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, דער עולם האט זיך געוואשן צו די סעודה און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט פון די עצות פון הייליגן רבי'ן, ובפרט אין שלום בית וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט אזעלכע שיינע הדרכות ווי אזוי מ'קען לעבן אינדערהיים בשלום ובשלוה און האבן א גוט לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

***

**דאנערשטאג חול המועד אינדערפרי** האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט די שיעור גמרא בבלי און ירושלמי אין קרית ברסלב ליבערטי, מ'האט מסיים געווען מסכת שקלים פון תלמוד ירושלמי. דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען, דער ראש ישיבה האט געדאוועט פאר'ן עמוד הלל און הושענות מיט גרויס ווארעמקייט, און נאכ'ן דאווענען האט מען זיך געוואשן צו א סעודה אין די סוכה פון בית המדרש, לכבוד דעם סיום מסכת שקלים.

ביים סעודה האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן א שיינעם שיעור, בתוך הדברים האט דער ראש ישיבה אסאך גערעדט איבער אחדות, דער יצר הרע וויל נאר אריינברענגען מחלוקת צווישן אידישע קינדער, און מ'דארף זיך שטארקן זיך צו האלטן אינאיינעם און נאר מחזק זיין איינער דעם צווייטן, דאס מיינט נישט צו זאגן אז יעדער דארף האלטן די זעלבע, דאס איז נישט מעגליך, נאר אז מ'זאל פארשטיין אז יענער קען אויך האבן א מיינונג, און זיך נישט קריגן, נאר זיך דורכקומען יעדע זאך אויף א שיינעם אופן.

***

**דאנערשטאג נאכט, ליל הושענה רבה,** האט מען גלייך נאך מעריב געליינט משנה תורה, און דערנאך איז פארגעקומען א סעודה אין די סוכה נעבן בית המדרש אין וויליאמסבורג. ביי די סעודה האט מען געזינגען אינאיינעם ווארעמע ניגוני התעוררות, און דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט עטליכע דיבורים איבער די גרויסקייט פון הושענה רבה, מ'קען קיינמאל נישט וויסן וואס מ'קען אויפטון מיט איין קאפיטל תהלים, מיט איין ווארט צום אייבערשטן, ער האט מעורר געווען אז מ'זאל אויסנוצן דעם הייליגן טאג, ווען מ'דערמאנט זיך זאל מען בעטן נאך א תפלה צום אייבערשטן אז עס זאל קומען א זיס ליכטיג יאר, מ'זאל אונז ארויסשיקן נאר גוטע קוויטלעך פון הימל.

דערנאך איז מען אריין אין בית המדרש וואו מ'האט אויסגעזאגט תהלים און זיך אויסגעבעטן א גוט געבענטשט יאר.

***

אויף די **צווייטע טעג יום טוב** זענען אריינגעקומען פילע אנשי שלומינו אויף וויליאמסבורג מיטצוהאלטן די געהויבענע טעג פון יום טוב צווישן אנשי שלומינו.

**הושענה רבה** איז געווען א גרויסע התעוררות ביי די הושענות, דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען און מחזק געווען אנשי שלומינו אויף פארשידענע ענינים. צווישן די פילע זאכן האט דער ראש ישיבה אויך ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון רעדן צום אייבערשטן, אפילו ווען מ'קען זיך נישט אויסשמועסן דאס גאנצע הארץ מיט'ן אייבערשטן, זאל מען אבער שרייען צום אייבערשטן, "הושענה - העלף מיר", מ'זאגט איבער נאכאמאל און נאכאמאל הושענה און הושענה, אזוי דארף מען איבערזאגן טויזנט מאל פאר'ן אייבערשטן, "העלף מיר, העלף מיר, העלף מיר".

ביי די לעצטע הושענות, ווען מ'דערמאנט די זכותים פון אלע צדיקים, האט דער ראש ישיבה גערעדט אז אויב וויל מען זיין א איד דארף מען געדענקען אז אן א צדיק קען מען דאס נישט באווייזן, א איד מוז האבן א צדיק וואס זאל אים מעורר זיין און מחזק זיין און אים צוקלעבן צום אייבערשטן, און נאר אזוי קען מען מצליח זיין.

נאכ'ן דאווענען איז דער עולם זיך צוגאנגען מיט גרויס התעוררות פון די געהויבענע תפילות און הושענות.

אלע שיעורים אין לויף פון חול המועד, קען מען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, די נומערן קען מען טרעפן ביים סוף פונעם גליון.

***

**שמיני עצרת און שמחת תורה,** די צווייטע טעג יום טוב, האט מען געטאנצן די הקפות מיט גרויס פרייד, מען האט זיך געפריידט מיט די הייליגע תורה, אז מען האט זוכה געווען די גאנצע יאר צו לערנען אסאך די הייליגע תורה, און אז עס קומט א פרישע יאר וואס מען וועט אנפילן מיט אסאך לימוד התורה און מיט מצות ומעשים טובים.

במשך דעם יום טוב האבן מיר געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א. ביי נעילת החג האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט אז אזוי ווי עס הויבט זיך אן דער נייער יאר, זאלן מיר זיך נישט לאזן נארן, נאר מיר זאלן אנהויבן מיט א פרישקייט צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, און דאן ווען עס וועט קומען דעם קומענדיגן יאר שמחת תורה וועלן מיר זיך האבן מיט וואס צו פרייען אז מיר האבן אנגעפילט דאס יאר מיט גוטע זאכן, און ווען עס וועט קומען דער לעצטער טאג פונעם מענטש וועט ער האבן מיט וואס צו גיין צום טיש, ווייל נאר די תורה און מצות וואס דער מענטש כאפט אריין אויף די וועלט, נאר דאס בלייבט פון אים, און נאר דאס נעמט מען מיט אויף יענע וועלט.

ספעציעל דער ענין פון מעביר סדרה זיין די פרשת השבוע יעדע וואך, א זאך וואס איז ליידער זייער נאכגעלאזט ביי אסאך מענטשן, און די סיבה דערצו איז ווייל מען וויל עס טון דוקא פרייטאג, און מען יאגט נישט אן דאס צו פארענדיגן. ווען מען זאל ווען אבער טון אזוי ווי דער שלחן ערוך לערנט אונז, אז פון זונטאג קען מען שוין אנהויבן מעביר סדרה זיין די וואכעדיגע פרשה, וואלט דאס יעדער איד געקענט באווייזן. זונטאג לערנט מען ביז שני און מאנטאג ביז שלישי, און אזוי ווייטער די גאנצע וואך, און ווען עס קומט סוף וואך האט מען געענדיגט די גאנצע סדרה. אויסער דער חיוב וואס ס'איז דא צו לערנען די פרשה יעדע וואך שנים מקרא ואחד תרגום, איז מען אויך זוכה צו די געוואלדיגע הבטחה וואס חז"ל זאגן צו: "כל המשלים פרשיותיו עם הציבור, משלימין לו ימיו ושנותיו"- אז ווען א איד איז מעביר סדרה איז ער זוכה צו א גוטע לאנגע לעבן.

דער הערליכער יום טוב האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו וועלכע האבן געשעפט פרישע חיזוק והתעוררות צום נייעם יאר.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וְוי אַזוֹי נוּצְט מֶען דֶעם קֶערְפֶּער פַאר אַ וֶועגְוַוייזֶער ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי, אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ נוּץ מַיין קֶערְפֶּער פַאר מַיין וֶועג וַוייזֶער, וֶוען אִיךְ לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין מַיין קֶערְפֶּער קֶען אִיךְ וִויסְן וואוּ אִיךְ הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן אִיךְ קֶען שְׁפִּירְן וֶוען עֶפֶּעס אִיז יָא גֶערֶעכְט אָדֶער נִישְׁט גֶערֶעכְט.

אַלְס מֵיידְל הָאבּ אִיךְ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן אַזוֹי גוּט, וַוייל וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַיין קֶערְפֶּער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט גֶעהֶערִיג וִוי אַזוֹי עֶס צוּ בַּאלַאנְצִירְן. יֶעצְט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ מַאמֶע פוּן טֶעכְטֶער, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי מַתָּנָה פוּן זֵייעֶר קֶערְפֶּער, אָבֶער זֵיי זָאלְן יָא זַיין בַּאלַאנְצִירְט, זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זֶענֶען הַאלְבּ אוּן וֶוערְן קְלֶעבֶּעדִיג צוּ סַיי וָואס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ סְ'אִיז דָא אַ וֶועג פַאר אַ מֵיידְל זִיךְ אוֹיךְ צוּ קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין אִיר קֶערְפֶּער, אָדֶער קֶען מֶען דָאס טוּן נָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה ?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אִיךְ וֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיר פַארְשְׁטֵייט יָא וָואס אִיר שְׁרַייבְּט.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ וֶועג וַוייזֶער - דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ח, ל): "וָאֶהְיֶה אֶצְלוֹ אָמוֹן וָאֶהְיֶה שַׁעֲשֻׁעִים יוֹם יוֹם", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן גֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי אַן אַרְכִיטֶעקְט וָואס גֵייט בּוֹיעֶן אַ בִּנְיָן נֶעמְט עֶר אַפִּיר דֶעם בְּלוּ-פְּרִינְט אוּן קוּקְט דֶערִין וִוי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן, "כַּךְ הָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַבִּיט בַּתּוֹרָה וּבוֹרֵא אֶת הָעוֹלָם", אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה אוּן אַזוֹי בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

אַ אִיד פִירְט זִיךְ וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ פִירְן; דָאס אִיז אוּנְזֶער אוּרִים וְתוּמִים, דָאס אִיז אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא דִי אוּרִים וְתוּמִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מַיין אוּרִים וְתוּמִים אִיז דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ; וֶוען אִיךְ דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן קוּק אִיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

וָואס הָאבְּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן ? וָואס הָאבְּן דִי צַדִיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן ? זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"'אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת', דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבְּסְט שֵׂכֶל פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן, 'וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה, דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, 'חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדָעַת', גֶעבּ מִיר שֵׂכֶל אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".**

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבַד", אִין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וֶוען מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת, אָן קַיין קֶענִיג, אָן קַיין נָבִיא, אָן קַיין כֹּהֵן גָדוֹל אוּן אָן קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְז, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

אַז אִיר ווִילְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע וֶועג פַאר אַייעֶרֶע טֶעכְטֶער וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן, לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז וֶוען זֵיי ווִילְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן זָאלְן זֵיי דָאס אִיבֶּער רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי זָאלְן זֵיי טוּן אִין יֶעדֶע פְּרָט אִין לֶעבְּן, וֶוען מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אָדֶער מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה.

**אַז אִיר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט #3 718-387-2691**

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּ זַיין הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע.**

## שְׁנַת תק״ס

### שכד

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, בִּיז עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר הָאט גֶעזֶען, אוּן הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען וואוּ עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען, אַז עֶר דַארְף זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן צוּם שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע.

### שכה

אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן אִין דֶעם יָאר תק״ס, וִוי אוֹיךְ אַלֶע תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט יֶענֶעם יָאר, אִיז אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט פַארְשְׁרִיבְּן, דֶערִיבֶּער וֵוייסְן מִיר גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם יָאר.

נָאר אֵיין זַאךְ אַז אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן יָאר תק״ס אִיז דֶער מַגִּיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי״ע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף אַ שַׁבָּת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן פָּסוּק ״זֶה דּוֹר דֹּרְשָׁיו״ (תְּהִלִּים כד, ו), אַז לוֹיט וִוי דֶער דוֹר אִיז, אַזוֹי זֶענֶען דִי דוֹרְשִׁים פוּנֶעם דוֹר, מִיר הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דִי תּוֹרָה זָאל וֶוערְן פַארְצֵייכְנְט.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט צוּם מַגִּיד, ״לְמָשָׁל אִיר זֶענְט דֶער דוֹר, אוּן אִיךְ בִּין אֵייעֶר דּוֹרֵשׁ״.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# פרייליכע מעלדונג

מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף
גרייטן מיר זיך צום גרויסארטיגן
**סיום מסכת עירובין**
וואס וועט אי״ה פארקומען
דעם קומענדיגן
**פרשת תולדות הבעל״ט**
פרטים וועלן נאכפאלגן

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
## הערליכע יום טוב סוכות ביי אנשי שלומינו

גאר א שיינער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו דעם סוכות, ווען מיר האבן געשעפט פרישע כוחות און חיזוק פונעם יום טוב, וואס דאס וועט אונז באגלייטן אויפ׳ן גאנצן יאר.

**די ערשטע טעג יום טוב** זענען אריבער מיט גאר געהויבנקייט און געשמאק מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א אין וויליאמסבורג,ביידע טעג פאר׳ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט א שיעור גמרא אין בבלי און ירושלמי, און ארומגערעדט דברי התחזקות, און דערנאך האט מען געדאווענט מיט געשמאק, די הלל און הושענות איז געווען גאר דערהויבן.

נאכ׳ן דאווענען איז צוגעשטעלט געווארן א ברייטע קידוש אין די סוכה, דער ראש ישיבה שליט״א האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות, און גערעדט שיינע זאכן ווי אזוי אויסצונוצן דעם יום טוב ווי עס דארף צו זיין.

***

**מאנטאג נאכט חול המועד** איז פארגעקומען די סעודת הילולא צו די יארצייט פון הייליגן רבי׳ן. די סעודה איז פארגעקומען אין די גרויסע סוכה אין הויף פון בית המדרש אין וויליאמסבורג, א ברייטע סעודה איז צוגעשטעלט געווארן, און אנשי שלומינו זענען געקומען צו פארן פון איבעראל מיטצוהאלטן די יארצייט סעודה, ביי די סעודה האט מען געזינגען דעם ״שיר ידידות״ פון הרה״ח רבי יצחק ברייטער ז״ל, וואו עס ווערט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון הייליגן רבי׳ן, און וואס מיר באקומען אלץ פון אים. דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט״א גערעדט דברות קודש איבער די געוואלדיגע מתנות וואס דער רבי געבט אונז, בפרט די שטארקע אמונה וואס דער רבי ברענגט אריין אין אונז, אז מיר זאלן שפירן אז דער אייבערשטער איז מיט אונז אין יעדן מצב, און אזוי ווייטער אלע געוואלדיגע עצות פון הייליגן רבי׳ן, מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה אז מיר האבן דעם הייליגן רבי׳ן, יעדער מענטש אויף דער וועלט מוטשעט זיך, כאטש פון אינדרויסן קען זיך דאכטן ווי יעדן גייט גוט און נאר פאר מיר גייט עס נישט ווי איך וויל, איז אבער דער אמת אז יעדער האט זיינע אייגענע שוועריקייטן און נסיונות אין לעבן, ברוחניות און בגשמיות, און מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי׳ן, קען יעדער איד זיך שטעלן אויף די פיס און מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. מיר האלטן שוין 210 יאר נאכ׳ן הסתלקות פון הייליגן רבי׳ן, אבער דער פייער פון רבי׳ן ווערט נאר שטערקער פון יאר צו יאר, עס איז מקרב נאך און נאך אידן צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז זיין פייער וועט שוין ברענען ביז משיח וועט קומען. אינמיטן די דרשה האט דער ראש ישיבה שליט״א ארויפגערופן עטליכע וואס האבן געמאכט סיומים, און ארויסגעברענגט ווי אזוי דער רבי האט א וועג פאר יעדן צו לערנען די הייליגע תורה, און אזוי ווייטער האט מען זיך מחזק געווען מיט די הייליגע עצות פון רבי׳ן.

נאך די סעודה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ און זיך געפריידט בשמחת בית השואבה.

***

**דינסטאג חול המועד פארמיטאג** איז פארגעקומען א סעודת סיום, ווען דער ראש ישיבה שליט״א האט מסיים געווען מסכת סוכה לכבוד דעם יום טוב סוכות, אזוי ווי מוהרא״ש פלעגט זאגן אז מ׳זאל דורכלערנען אין יעדן יום טוב די מסכתא פון יענעם יום טוב. דער ראש ישיבה שליט״א האט גערעדט פון די מעשה וואס די גמרא דערציילט סוף מסכת סוכה פון די משמורה פון בילגה וואס מ׳האט זיי גע׳קנס׳ט אין בית המקדש צוליב דעם וואס זי האט זיך גע׳שמד׳ט און חתונה געהאט מיט א יוני, און ווען די יוונים זענען אריין אין בית המקדש האט זי געשטויסן דעם מזבח און געשריגן פארוואס די מזבח עסט אויף די געלט פון די אידן און העלפט נישט ארויס די אידן ווען עס גייט זיי שווער. האט דער ראש ישיבה נאכגעזאגט פון פריערדיגע צדיקים אז מ׳קען ארויסנעמען פון דעם אז אפילו אזא פרוי וואס איז אזוי ווייט אוועקגעפאלן, האט זי אבער נאכאלץ געהאט א געפיל צו אידן, ס׳האט איר נאכאלץ וויי געטון אז אידן ליידן אזויפיל, זעט מען פון דעם אז ווי ווייט א איד פאלט נאר, האט ער נאכאלץ דאס פינטעלע איד, און מ׳קען אייביג תשובה טון.

דער ראש ישיבה האט גערעדט איבער די שעדליכקייט פון הערן נייעס, ווען מ׳הערט די נייעס קען מען זיך איינרעדן אז דער באאמטער קען שלעכטס טון, און יענער קען גוטס טון, דער איז שולדיג אויף דעם, און יענער איז שולדיג אויף דאס, און מ׳פארגעסט אינגאנצן אז נאר דער אייבערשטער אליין פירט יעדע זאך אויף דער וועלט, און ווען מ׳האט סיי וועלכע פראבלעם דארף מען זיך נאר ווענדען צו אים.

און אזוי ווייטער האט מען גערעדט גאר שיינע דברי חיזוק פון וואס דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט.

***

**דינסטאג נאכט חול המועד** איז פארגעקומען א סעודה לכבוד די אושפיזא דאהרן כהנא קדישא, צוגעשטעלט דורך מו״ה אהרן וועבערמאן הי״ו, ביי די סעודה האט דער ראש ישיבה שליט״א גערעדט איבער אהרן הכהן וואס האט עוסק געווען אין שלום בית, די מחלוקת פון קרח ועדתו אויף משה רבינו און אהרן הכהן איז געווען אז זיי האבן נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי ס׳קען זיין אז די גרויסע צדיקים וואס זענען אזוי דבוק צום אייבערשטן, זאלן זיך קענען אראפלאזן אזוי שטארק צו אידישע קינדער, און זיין פארנומען זיי צו העלפן מיט זייערע פראבלעמען. דער אמת איז אבער אז ווי גרעסער א צדיק איז, אלץ מער קען ער זיך אראפלאזן און פארשטיין א צווייטן איד, און זיך אפגעבן מיט אים, אים ארויסצוהעלפן מיט וואס ער דארף, און אים אויך מקרב זיין צום אייבערשטן. דאס איז וואס מוהרא״ש האט אונז געלערנט אלע יארן אז מ׳קען לעבן אויף די וועלט מיט׳ן אייבערשטן, ווען איינער וויל ווערן אן ערליכער איד דארף ער זיך נישט אינגאנצן אפשיידן פון די וועלט, נאר אריינצוברענגען דעם אייבערשטן אין זיין לעבן, צו לערנען און דאווענען און דינען דעם אייבערשטן און גלייכצייטיג הנאה האבן פון די וועלט, מ׳קען האבן די וועלט און יענע וועלט אינאיינעם ווען מ׳נעמט אריין דעם אייבערשטן אין לעבן.

נאך די סעודה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ און זיך געפריידט בשמחת בית השואבה פאר עטליכע שעה.

***

**מיטוואך נאכט חול המועד** איז דער ראש ישיבה שליט״א ארויסגעפארן קיין קרית ברסלב אין ליבערטי, א רייכע סעודה איז

<<<<<<


# סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **נחמן ניישטיין** שליט״א, בארא פארק
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו״ה **ישראל יעקב ווייס** שליט״א, וויליאמסבורג
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

# שמחה אין הארץ

**מ׳קען זיך מאכן פרייליך, יענעם איינרעדן אז מ׳איז פרייליך, ווי אזוי קען מען אבער באמת זיין פרייליך אין הארץ?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 10**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**